# חומת שבת קדשינו

## קול התאחדות קהילות הקודש
## הכפופים להוראת גדולי הפוסקים דשכונתינו וויליאמסבורג

חומת שבת קדשינו — נומער 1, עש"ק אמור, תשס"ג


# ווילדע ראיאטן אין וויליאמסבורגער גאסן צייכענען אפ נייעם פרעצעדענט

דעם פארגאנגענעם שבת קודש פרשת אחרי נאכמיטאג, זענען פארגעקומען ווילדע ראיאטן איבער פילע גאסן פון דער חרדי'שער וויליאמסבורג, ביי וועלכע מערערע אידן זענען צעשלאגן געווארן און אנדערע זענען ליידער אפגעפירט געווארן אין תפיסה.

די היציגע דעמאנסטראציע, וועלכע איז פאררופן געווארן דורך נישט-אונטערגעשריבענע פלאקאטן וועלכע זענען אויסגעקלעבט געווארן אין משך פון די פינסטערע נעכט בעפאר שבת, איז געקומען מיט'ן ציל אפצוהאלטן אידן פון זיך באנוצן מיט'ן "עירוב", דורך זיי פארשרייען און גאר פיזיש שלאגן.

אויסברוכן פון דעם סארט האבן זיך אפגעשפילט עטליכע מאל דורכ'ן שבת, אבער דער קלימאקס איז געווען שבת בייטאג, ווען א רידיגער ציבור אידן, אין שפיץ פון צעיושעטע בחורים'לעך און צעווילדעוועטע יונגעלייט, האבן איבערגעפילט די גאסן און געטיילט פעטש און בזיונות פאר וועמען די ערב-שבת פאשקעווילן האבן אנגעוויזן.

די צעווילדעוועטע יוגנטליכע, אנגעהעצט דורך א באגרעניצטער צאל אומפאראנטווארטליכע בעלי מחלוקת, האבן באפאלן מיט קלעפ און זלזולים יעדן פארבייגייער וואס האט אויסגעפאלגט דעם פסק הלכה

פארזעצונג אויף זייט 8

## הגאון האדיר אב"ד האליין שליט"א אינפארמירט הגה"צ אב"ד מאנטעווידעאו שליט"א אז ער איז מכשר דעם עירוב

וויליאמסבורג. — פארגאנגענעם דאנערשטאג פר' אחרי, האט הגאון הגדול מגדולי פוסקי דורינו אבדק"ק האליין שליט"א זיך טעלעפאניש פארבונדן מיט הגה"צ אבדק"ק מאנטעווידעאו שליט"א, און אים פארזיכערט אז ער איז אליין ארומגעגאנגען באקוקן דעם עירוב און ער שטייט אונטער זיין פערזענליכער השגחה.

דער-דאזיגער געשפרעך איז צושטאנד געקומען, נאכדעם וואס דער מאנטעווידעאו רב שליט"א האט אויסגעדריקט זיין באגער צו הערן פון האליינער רב שליט"א פערזענליך, אז ער גיט אן הכשר אויפ'ן עירוב.

דער האליינער רב שליט"א, פון די זקני הרבנים ופוסקים, האט זיך נישט געפוילט און ברוב ענוותנתו אנגעקלונגען צום מאנטעווידעאו רב שליט"א. אינעם שמועס האט דער רב שליט"א דערציילט פאר'ן מאנטיווידעאער רב שליט"א, אז ער האט פערזענליך "מיט די אייגענע אויגן" באקוקט דעם גאנצן עירוב ארום וויליאמסבורג. "דער עירוב איז געבויט שטארק, ס'איז נראה לעינים, אזוי אז ס'איז נישטא דערויף קיין שום פקפוק לכל הדיעות". אויף דער פראגע פון מאנטיווידעא רב, "אינעם מציאות פונעם עירוב האט איר א השגחה?" האט הגאון הצדיק דער האליינער רב שליט"א געענטפערט, "יא! ס'איז דא א משגיח קבוע יעדער וואך. ער איז א זריז, א בר אוריין, וואס פארשטייט די זאך. ער פארשטענדיגט מיר בעפאר'ן זמן". דער מאנטיווידעא רב האט ווידער געפרעגט, "איר האט א חשבון אויף דעם?" האט דער האליינער רב שליט"א געענטפערט, "אודאי! איך וועל וויסן וואס טוט זיך אלעמאל!"

די שיחת תלמידי חכמים האט זיך פארענדיגט ווען דער מאנטיווידעאער רב שליט"א האט געזאגט: "כל טוב. ה' ישכון שלום בינינו".

## שיינער באזוך פון הגאון האדיר גאב"ד קארלסבורג שליט"א ביי הגאון הגדול מזקני רבני דורינו אבדק"ק אודווארי שליט"א

וויליאמסבורג. — דעם פארגאנגענעם זונטאג אוונט פרשת אמור, האט הגאון האדיר המפורסם רבי יחזקאל ראטה שליט"א, גאב"ד קארלסבורג אפגעשטאט א באזוך ביי הגאון הגדול מזקני רבני ופוסקי דורינו אבדק"ק אודווארי שליט"א.

דער קארלסבורגער רב שליט"א האט זיך גענומען די טירחא ספעציעל אריבערצוקומען קיין וויליאמסבורג, בכדי מחזק צו זיין דעם אודווארי רב שליט"א, אין אנבליק פון די שרעקליכע רדיפות וואס דער רב שליט"א גייט לעצטנס דורך.

צווישן אנדערן האט דער קארלסבורגער רב שליט"א זיך אויסגעדריקט צום אודווארי רב שליט"א, "איך בין מקנא אייער חלק לעולם הבא!"

צו דער געלעגנהייט איז אויך אהין אריבערגעקומען הגאון הגדול מגדולי פוסקי דורינו רבי פישל הערשקאוויטש שליט"א, אבדק"ק האליין.

דער אודווארי רב שליט"א איז געקומען אונטער א כוואליע פון טערארר מצד פארשידענע עלעמענטן, וועלכע זענען אומצופרידן מיט זיין איניציאטיוו דאס מתקן זיין אן עירוב אין וויליאמסבורג, וואו דער רב שליט"א דינט אלס מורה הוראה פאר דער גאנצער שטאט שוין

פארזעצונג אויף זייט 8

חומת שבת קדשינו
קול המאחדות קהילות הקודש
הכפופים להוראת גדולי הפוסקים דשכונתינו וויליאמסבורג

# דבר אלוקינו יקום לעולם!

אין אונזער שטאט וויליאמסבורג זענען פאראן אזעלכע, וואס ווילן שאפןביים ציבור אן איינדרוק ווי דער עירוב איז נאר א צייטווייליגע ערשיינונג. "ביז א קורצער צייט, ווען מיר דעם עירוב אראפברענגען", הערט מען כסדר פון א גרופע היץ קעפ, וועלכע האבן זיך געגומען א ציל צו באקעמפן פאר יעדן פרייז דעם עירוב וואס איז אויפגעשטעלט געווארן כדת וכדין, און שטייט אונטער דער השגחה פון די חשוב׳סטע רבנים און פוסקים וואס מיר פארמאגן.

די געציילטע יחידים, וואס קענען נישט שלאפן ווילאנג דער עירוב שטייט; אט די גרופע אונטערגראבער, וועלכע קענען נישט צוקוקן ווי הונדערטער אידן פאלגן אויס דעם פסק הלכה פון די גרויסע מורה הוראה׳ס אין שטאט, פרובירן מאכן אן איינדרוק, כאילו זייער מערכה איז פארטיג ביז א פאר טעג; זייער נצחון איז פארזיכערט ביז גאר א קורצער ווילע. מיט דעם בארויגן זיי זיך און די ארומיגע.

דער אמת איז אזוי ווייט דערפון, אזוי ווי פון אלע זייערע שקרים וכזבים וואס זיי פארשפרייטן. דער עירוב איז דא אויף צום בלייבן! דער הייליגער עירוב וועט בעזרת ה׳ בלייבן שטיין עד ביאת משיח צדקינו!

אן עירוב איז א מצוה מדברי סופרים. מ׳מאכט דערויף א ברכה, "אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב". ס׳איז נישט סתם אזוי א מצוה, נאר א מצוה וואס האט זוכה געווען צו ווערן דער "סימבאל" פון תקנות חז"ל און תורה שבעל פה. די צדוקים, וואס זענען געווען די הויפט מתנגדים צו חכמינו ז"ל בימיהם, ווערן אנגערופן "אינם מודים בעירוב". נישט בחינם האבן די משנאי ה׳ במשך אלע דורות, סיי די נוצרישע קאטאליקן, סיי די אידישע משכילים, אלע אנטיסעמיטן, לוחם געווען קעגן אט דער מצוה פון עירובין נאך אפילו מער ווי קעגן אנדערע מצות ביי אידן.

נישט בלויז תורה שבכתב, נאר אויך תורה שבעל פה איז "דבר אלוקינו". תורה שבעל פה איז אויך נכלל אין דער הבטחה פון "כי לא תשכח מפי זרעו". תורה הקדושה וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן פון כלל ישראל. די הייליגע תורה איז נצחיות. "דבר אלוקינו יקום לעולם!"

די מזכי את הרבים וואס האבן זיך אונטערגענומען דאס אויסצופירן, האבן זיך איינגעהאנדלט א זעלטענעם זכות. אלע שוועריגקייטן וואס דאס האט זיי געברענגט און ברענגט נאך יעצט, וועט זיי גערעכנט ווערן לעולם הבא ושכרם הרבה מאוד.

קיינער און גארנישט אויף דער וועלט קען אראפנעמען אפילו אן אות אחת פון דער תורה. שוין אפ.געררעדט אז מעשי אלימות און טונקעלע אקטיוויטעטן זענען זיכער נישט ביכולת איבערצואוועגן א מצוה וואס איז געווארן דער סימבאל פון גאנץ תורה שבעל פה.

דער טעראר קאמפיין קעגן דער הייליגער מצוה פון עירוב, ווי יעדער ווייסט, איז נישט באגרעניצט בלויז צום עירוב און די עסקנים וועלכע געבן זיך דערמיט אפ, נאר אויך רבנים, דיינים און פוסקים זענען פארוואנדלט געווארן אין ציל ברעטער פאר די דאזיגע טונקעלע עלעמענטן. ס׳איז מסתמא אונטער דעם כבוד פונעם חשוב׳ן ציבור אויסצורעכענען די געמיינע מעשים און פינסטערע געוואלדטאטן וועלכע ווערן אנגעווענדן אויף די זקני הרבנים שליט"א, אבער פארפאלן; דאס איז דער פרייז וואס עס קאסט צו לעבן אין דעם דור פון עיקבתא דמשיחא. ווען א רב און גדול בישראל פסק׳נט א הלכה אדער זאגט א דעת תורה, דארף ער זיך רעכענען אויף א מעגליכקייט, אז בעלי מחלוקה און פוסטע יונגאטשעס וועלן אויף אים פרובירן ארויפצווינגען זייער "מיינונג".

און באמת, דא שטעקט די ריכטיגע גדלות פון די באטרעפנדע גדולים און פוסקים שליט"א. זיי שרעקן זיך נישט פאר קיין טעראר, נאר זאגן קלאר ארויס דעם דעת תורה פאר סיי וועמען עס וויל נאר הערן. דער פשט איז נישט, אז זיי שפירן דעם צער פון די שרעקליכע רדיפות ווייניגער ווי סתם א מענטש, נאר אז זיי האבן דעם כוח עס בייצושטיין! דאס איז דער סימן מובהק פון א גדול בישראל.

דעת תורה בלייבט דעת תורה, אפילו ווען עס דארף ליידער ארויסגעזאגט ווערן אונטער רדיפות, השמצות, און "מחללי' מות יומת" געשרייען...

# ויסלף דברי צדיקים

אין די פארגאנגענע צוויי-דריי יאהרן – לעצטנס אויף א גרעסערן מאסנשטאב – האבן אנגעהויבן קורסירן קלאנגען, אז מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע איז געווען קעגן מתקן זיין עירובין אין אמעריקע. די דאזיגע קלאנגען זענען געבוירן און אנטוויקלט געווארן אין דער פרעסע. עטליכע פון די חרדי'שע צייטונגען פראפאגאנדירן דערמיט, און אנגעבן פאקטישע באווייזן דאס אונטערצושטיצן. אנשטאט קלאר אויסשמועסן דעם ענין, האבן זיי געמאכט א מישמאש פון פאקטן און פאנטאזיעס, און דערפון אויפגעקאכט א קאשע.

וועלן מיר דא פרובירן איינצושטעלן א סדר הדברים אין דעם ענין, און באקענען דעם עולם מיט די טרוקענע פאקטן. האבנדיג פאר זיך א קלאר בילד, וועט יעדער אליין זען אז די דאזיגע שמועות רחוקות זענען נארוואס פראדוצירט געווארן, ספעציעל לטובת דער מערכה פון דער גרופע "אני ואפסי עוד'ניקעס" און מחרחרי ריב.

דער געדאנק פון מתקן זיין אן עירוב אין ניו יארק, איז צום ערשטן מאל אויפגעברענגט געווארן אין די תש"י-יארן. די רעדע איז געווען פון מאנהעטן, וואו דער גרעסטער אידישער קיבוץ אין ניו יארק איז געווען קאנצענטרירט. יענע עסקנים האבן זיך אנגעשטויסן אין א העפטיגן ווידערשטאנד מצד די גדולי ליטע, אין שפיץ פון הגאון רבי אהרן קאטלער זצ"ל און הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל. די-דאזיגע גדולים מיט זייער כוח התורה און השפעה האבן געווירקט, אז דער עירוב זאל נישט צושטאנד קומען.

מען מוז דא באמערקן, אז נישט נאר וואס די היימישע רבנים און פוסקים פון אונזער לאגער האבן זיך נישט ארויסגעשטעלט דערקעגן, נאר זענען געווען ממשות'דיג אינסטרומענטאל לטובת דעם עירוב. דער יושב ראש פונעם "ועד העירוב" איז געווען הגה"צ רבי יונתן שטייף זצ"ל, אן אייניקל און ממשיך הדרך פון הייליגן חתם סופר, און רעכטע האנט פון מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע אין יענע יארן.

אין די תש"כ-יארן איז דער ענין ווייטער ארויפגעקומען אויפ'ן סדר היום. דאסמאל האט זיך עס גערעדט פון אן עירוב אין ברוקלין. גענוי ווי ביים ערשטן מאל זענען די גדולי ליטע, אין שפיץ פון הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל, מיט דער הילף פון "אגודת הרבנים", שארף ארויסגעקומען דערקעגן.

עס זענען שוין דעמאלט געווען א סך היימישע רבנים פון אונזער לאגער, אבער קיינער איז נישט צוגעשטאנען צו דער מערכה קעגן מתקן זיין אן עירוב. שוין אפגערעדט אז מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע, וועלכער האט פולשטענדיג מקיים געווען דעם "לא תגורו מפני איש" און כסדר אויסגעשדיגן דעם אמת'דיגן דעת תורה, איז נישט ארויסגעקומען דערקעגן.

סוף תש"ל-יארן איז דער נושא ווידער ארויפגעקומען אויפ'ן טיש - דאסמאל אין פלעטבוש. נישט נאר וואס מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע אליין האט זיך נישט צוגעשטעלט צו דער מערכה פון די גדולי ליטע דערקעגן, נאר אפילו פון "התאחדות הרבנים", וואס דער רבי זי"ע האט געגרינדעט און געדינט אלס נשיא ועל פיו ישק כל דבר, איז נישט ארויסגעקומען דערקעגן.

ביי אן אסיפה פון "התאחדות הרבנים" אין יאר תש"מ, איז אנוועזנד געווען הגה"צ רבי משה ביק זצ"ל. אויפ'ן טעיפ קען יעדער הערן, וואו ער האלט פאר די נאספים היתכן די התאחדות הרבנים איז נישט ארויסגעקומען קעגן דעם עירוב. פסח שני פון זעלבן יאר איז פארגעקומען א גרויסע אסיפה פון התאחדות הרבנים, וואו דער גאנצער נושא פונעם עירוב איז ניטאמאל אויפגעברענגט געווארן.

דאס איז א תמצית פון די געשעענישן. אזוי איז עס געווען קלאר און אזוי האט עס אנגעהאלטן ביז תש"ס. דעמאלט איז פלוצלונג נולד געווארן, אז מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע איז געווען שארף קעגן מתקן זיין עירובין אין ניו יארק. און נישט נאר איז ער געווען דערקעגן, נאר האט גאר געפירט א מלחמה דערקעגן.

דער וואונדער איבער אלעם איז, ווי די מזייפים שעמען ניטאמאל צו פארקריפן אזא פרעכן ליגנט. ווען הגה"צ אדמו"ר מראצפערט זצ"ל האט אונטערגענומען מתקן צו זיין אן עירוב אין וויליאמסבורג, האט דער רבי זי"ע געהייסן פאר יד ימינו ונאמן ביתו, הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל, ער זאל אפשרייבן א ווארעמע המלצה. דער רבי האט זיך אפילו משתתף געווען מיט א סכום געלט פאר די הוצאות פון דעם עירוב, און דערביי צוגעגעבן ברכת קדשו. ווי באקאנט, האט דער רבי נישט געוואלט נעמען אויף זיך די אחריות פון געבן א השגחה אויפ'ן עירוב. אבער ווען כ"ק אדמו"ר הגה"ק מפאפא זצ"ל האט מסכים געווען עס צו נעמען אויף זיך, איז דער רבי געווען מער ווי צופרידן.

קומען היינט צייטונגס שרייבער און האבן די חוצפה אזוי געמיין מסלף צו זיין דעת קדשו! און זיי באגענוגן זיך נישט גענוג מיט דעם "קליינעם שקר" אז דער רבי האט זיך דערצו מתנגד געווען, נאר אז ער האט גאר געפירט א מלחמת חרמה דערקעגן!

דער פארנעם פון דעם שקר גייט אריין אין שרעקליכן עזות. די מערכה קעגן דעם עירוב איז געפירט געווארן פון דער "אגודת הרבנים" און די גדולים פון יענעם לאגער. גייט מען פארדרייען די הייליגע ווערטער פון מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע, און זיי נאך דירעקטירן אריין אין די ראמען פון אגודה'יסטן און מזרחי'סטן?

דאס הייסט שוין חוצפה ביז משוגעת.

די מערכה קעגן תיקון עירובין איז געפירט געווארן אויסשליסליך דורך דער אגודת הרבנים – מער פרטיות'דיג, דורך די גדולי ליטע פון יענעם חדר. און די איצטיגע מלחמה קעגן דעם עירוב אין וויליאמסבורג האט ניטאמאל קיין שייכות צו דער קעגנערשאפט פון יענע גדולים. דא ווערט עס געפירט פון א קבוצה מענטשן, וועלכע האבן חשק צו פירן די שטאט ווי זיי שמעקט. זיי זוכן נישט סאטמאר, אויפ'ן דרך ווי מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע האט אנגעווויזן, זאל זיין בעל הבית, נאר זיי, ווי זיי אליין פארשטייען. פאר דעם צוועק האבן זיי געהיידזשעקט דעם נאמען סאטמאר, און דאן באשאפן יש מאין א תורה חדשה אין נאמען פון מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע.

די געמיינע מערכה קעגן דעם עירוב אין וויליאמסבורג ווערט

פארזעצונג אויף זייט 8

## וואספארא רוב?

איינע פון די עיקר לאזונגען ביי די טומלערס קעגן דעם עירוב, איז אז רוב רבנים זענען דערקעגן, און דער מיעוט מוז זיך במילא צושטעלן. באזונדערס איז דאס אונטערגעשטראכן געווארן אין דעם פארנעפלטן באריכט אין "דער איד" פון פארגאנגענעם פר' קדושים.

אבער פון וואספארא רוב רעדן זיי? רוב רובם פון די מתנגדים צום תיקון עירוב באשטייט פון רבנים פון אגודה'יסטישן חדר רוב פון זיי טאקע מיטגלידער אין "אגודת הרבנים".

ס'איז א שטארקע טענה, נאר נישט קיין אייגענע. מיט דעם סלאגאן האט די "אגודת ישראל" זיך באנוצט במשך אלע יארן קעגן מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע, אז ער איז מחויב זיך אונטערצואווארפן זייערע גדולים, ווייל זיי רעפרעזענטירן דעם רוב.

איז פארלאנגען זיי, הייסט עס, אז סאטמאר זאל זיך אונטערווארפן דער אגודת ישראל, ווייל זיי זענען רוב? מיר האבן דעם פארלאנג צוריקגעוויזן אין דער פארגאנגענהייט, און מיר ווייזן עס צוריק אויך היינט.

# די צייטונגען זענען אומצופרידן...

## קאנסעקווענצן פון העצערייען

מיר ווייסן א כלל, אז דעת בעל הבית איז היפך דעת תורה. דאס איז טייטש, נישט נאר אז קיין דעת תורה פרעגט מען נישט ביי א בעל הבית, נאר מען רעכנט זיך נישט מיט וואס דער בעל הבית האט צו זאגן.

אויב דעת בעל הבית לויפט פארקערט ווי דער דעת תורה, קען מען רואיג זאגן אז דעת צייטונגען איז גאר מסוכן לדעת תורה.

דאס איז א פאקט וואס מיר האבן זיך איבערצייגט אין דער פארגאנגענהייט, ביי די מלחמות וואס ערליכע אידן האבן געפירט מיט מהדסים און מחריבים אין אלע צייטן. איינער פון די הויפט כוחות וואס די משכילים האבן גענוצט קעגן ערליכע אידן, איז געווען די פרעסע. זיי האבן געגרינדעט צייטונגען, אין וועלכע זיי האבן געגאסן פעך און שוועבל אויף די רבנים און מנהיגי הציבור. זיי האבן דארט פארעפנטליכט געמיינע בלבולים, און אראפגעריסן אלעס וואס האט נאר א שייכות מיט תורה-אידישקייט.

אזוי איז עס געווען אמאל און אזוי עס אויך ליידער היינט. דער אינטערשייד איז נאר, אז די היינטיגע צייטונגס-שרייבער רעדן אפט ניטאמאל צו דער זאך; זיי זענען נאך מער היפכ׳דיגער אפילו פונעם דעת בעל הבית.

אזוי זענען מיר, אז צווישן די אנדערע דרייטראנגיגע מיטלען וועלכע זענען איינגעשפאנט געווארן אין דער מערכה קעגן דעם עירוב אין וויליאמסבורג, פארנעמען די צייטונגען א בכבוד׳דיג ארט. אין ״די צייטונג״ איז א רעגולערער קאלומניסט, הרב ישראל מ. סופר, אודיס מיט אן אטאקע קעגן די זקני רבנים גאר״צ שליט״א, וועלכע האבן מתקן געווען דעם עירוב. ״דער איד״, וואס האט זיך גאנץ ברייטליך צוגעטיילט דעם טיטל ״ארגאן פון אומאפהענגיקן ארטאדאקסישן אידנטום אין אמעריקע״, האט אינעם נומער פון פרשת קדשים געווידמעט פאר דעם צוועק איר עדיטאריעל. אט-דער קאלום, וואס געניסט פון א וואונדערבארער רעפוטאציע אלס אויסגעצייכנט פלאץ פאר קאפ-שווינדל, האט אונז צוגעטיילט דעם כבוד צו געפינען זיך אין דער זעלבער קאטעגאריע פון דער ריזיגער צאל רבנים און ערליכע עסקנים וועלכע זענען שוין דארט אראפגעריסן געווארן במשך הזמן.

אין זיין ארטיקל, אונטער׳ן קעפל ״קאנסעקווענצן פונעם עירוב״, באמיט זיך הרב סופר איבערצואווייזן, אז די רבנים גאר״צ שליט״א האבן מתקן געווען דעם עירוב בלויז מיט׳ן ציל אנצומאכן מחלוקות. אויף דעם יסוד בויט ער מולטי-שטאקיגע פאלאצן און טורעמס, און ציט דערפון א מסקנא - וואס האט, אגב, קיין שום שייכות צום יסוד - אז די זקני הרבנים שליט״א זענען פשוט בעלי מחלוקות, ועמען מען מוז באקעמפן פאר יעדן פרייז, מיט יעדן מיטל.

וואס איז רער שייכות פון אן עירוב ביז מחלוקת? הערט א ״כאפ״. די וואס האבן געמאכט דעם עירוב, האבן דאך געוואוסט אז דאס וועט אויפרעגן געוויסע מענטשן, וכלשונו, ״ווייסנדיג אז דאס וועט אויפברענגען דעם צארן פון רוב רבני העיר און רוב חרדי׳שע איינוואוינער.״ במילא האבן די ״אויפגעצאנטע חרדי׳שע איינוואוינער״ געהאט דאס רעכט דורכצופירן ווילדע ראיאטן.

הרב סופר גייט נאך ווייטער און באשולדיגט, אז ״רוב פון די וואס טראגן, טראגן נישט צוליב זייערע געברויכן, לתיאבון, נאר להכעיס. זיי זענען געקומען זיך עפנטליך רייצן פאר די בתי מדרשים פון די ערליכע רבנים, צו טראגן זאכן פאר זייערע אויגן אפילו זאכן וואס זיי ברויכן נישט, ווי ליידיגע קערידזשעס און ליידיגע באקסעס, ליידיגע רענצלעך, אדער שטריימלעך און היטן ... עס האט אויסגעזען ווי זיי האבן געהאט איין ציל: אויפצורעגן די ערליכע רבנים און ערליכע אידן.״

וויל זיך פארשטיין עטליכע זאכן. וויאזוי ״רייצט מען זיך״ דורך אויספאלגן א דין פון שלחן ערוך? ווי קען אן ערליכער איד ״אנגערייצט ווערן״ דורך צוקוקן ווי עמיצער פאלגט אויס א הלכה?

לאמיר לצורך הענין אננעמען, אז פאר הרב סופר איז ווירקליך געלונגען אריינצוקוקן אין די באקסעס און רענצלעך און זען אז זיי זענען געווען טאקע ממש ליידיג. אבער וועמענ׳ס געשעפט איז עס? וואו שטייט עס דען געשריבן, אז מיט אן עירוב איז מען מחויב צו טראגן דווקא פולע רענצלעך און באקסעס?

און ווער זענען עס די ״ערליכע רבנים און ערליכע אידן״ מיט וועמען די טראגערס זענען געקומען רייצן, אט די זעלבע וועלכע האבן רערנאך דורכגעפירט ווילדע ראיאטן, נאכגעשריגן עלטערע אידן און פרויען, געשלאגן יונגעלייט און בחורים?

לאמיר אננעמען, אז מען איז טאקע געקומען זיך ״עפנטליך רייצן פאר די בתי מדרשים פון די ערליכע רבנים״. אבער דעמאלט דארף מען דאך פארשטיין, פארוואס די אנגעהעצטע יונגטליכע האבן יא געמעגט ווילדעווען ביי די בתי מדרשים פון די רבנים וועלכע האבן יא מתיר געווען דעם עירוב?

מיר גייען נישט אריין אין דעם עצם חוצפה פון צעטיילן די צוויי צדדים אינעם עירוב אלס ״יא ערליך״ און ״נישט ערליך״. דער שרייבער באטראכט זיך קענטיג גענוג קאמפעטענט צו טיילן טיטלען פאר זקני רבני ופוסקי דורינו שליט״א. ער דארף אבער געדענקען, אז די באגריפן פון ״ערליך״ און ״נישט ערליך״ ווערן נישט באשאפן און אפגעשאפן מיט א געדרוקטן ארטיקל אויף צייטונג-פאפיר.

בכלל פארשטייט דאך יעדער, אז אויסער נאאיוו-קינדעריש, איז דאס א פרעכער בלבול. פון מאכן אן עירוב אליין, קומט נאכנישט אודיס קיין מחלוקת. קריגערייען אנטוויקלען זיך נאר ווען אומפאראנטווארטליכע יונגעלייטלעך האלטן דרשות און העצן אונטער די מאסן, אז ״מען מיינט רערמיט נאר אונטערצוברעכן דעם כוח פון יהדות החרדית״ און נאך אזעלכע שטותים והבלים.

קיינער וויל נישט ברעכן קיין כוח פון קיינעם. אויב זענען פאראן אזעלכע וואס זענען נישט צופרידן פונעם עירוב, זאלן זיי זיך אפשאקלען דערפון ושלום על ישראל. דאס פייער וואס האט געברענגט די ראיאטן, חילולי שבת, חילול השם, עלבון התורה, הלבנת פנים, האבן אונטערגעצונדן די וועלכע פארשטייען, אז א דעת תורה מיינט אז יענער זאל זאגן וואס מיר שמעקט.

ס׳איז א ווייטאג און א שאנד, אז מען וואגט זיך צו נעמען די הייליגסטע באגריפן ביים יהדות החרדית, ווי די מלחמה מיט ציונות, און דאס איינשפאנען אין אן אומבארעכטיגטן קאמף קעגן מצות עירוב. נישט גענוג אז עס דינט נישט דעם ציל, צו פארוואנדלען דעם עירוב אלס טייל פון רעם מלחמה לה׳ בעמלק, ווירקט עס נאך גאר פארקערט - עס מאכט ליצנות פונעם גאנצן ענין.

דעם גאנצן ענין.

ווי ווייט די תאווה צו אן אומבארעכטיגטן ניצחון קען פארפירן!

כמעט דער גאנצער ארטיקל איז געבויט אויף לופט און ליידיגע ווערטער. די רעשט באשטייט פון גלאט אזוי שקרים.

יעדער וואס האט זיך שבת געפונען אויף דער גאס, האט קלאר געזען אז קיינער איז זיך נישט "געקומען רייצן"; קיינער האט נישט "צוגעשאטן א קול ענות בדברי חירופים וגידופים". דאס זענען געווען ערליכע אידן, וועלכע האבן גארנישט געטאן אויסער פרידליך אויסגעפאלגט א פסק הלכה פון זקני רבנים ופוסקים פון וויליאמסבורג.

עס פאדערט זיך א היפשע צאל עזות, צו גיין אנטערצינדן א פייער פון מחלוקת און שנאת חינם, און דאן נאך האבן די גאל צו גיין שרייען אין די גאסן, "געוואלד! שנאת חינם! אידן, וואס טוט איר דא? איר ברענגט דאך א פייער פון מחלוקת..."

אז שוין יא מחלוקת, ווייל זיך טאקע פארשטיין: פון וואו נעמט מען דאס אחריות אנצומאכן אזא פירוד לבבות צווישן אידן? די מציאות איז, אז עס איז נישט פאראן קיין איין קאנקרעטער באווייז, אז דעת קדשו פון מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע איז געווען נישט מתקן צו זיין קיין עירוב. די אלע וואס ווילן זאגן אז יא, בויען די מיינונג אויף לופטיגע שמועות וואס קיינער האט קיינמאל נישט מברר געווען. אויב איז עמיצער געניגט צו גלייבן אומבאגרינדעטע קלאנגען קעגן קלארע באווייזן, זאל ער עס טאן געזונטערהייט. אבער גיין אויף דעם סמך פאנאנדערפלאקערן א פייער פון מחלוקת מיט שנאת חינם?

דער פאקט בלייבט, אז דער עירוב איז נתקן געווארן בהתייעצות ובהסכמת גדולי הרבנים און אנערקענטע פוסקים פון שטאט, אין דער צייט וואס די מערכה דערקעגן ווערט אנגעפירט דורך יונגעלייט, טומלערס און הייז קעפ, וועלכע האבן דא אין זינען גאר עפעס אנדערש ווי אן עירוב. (יש אומרים, אז זיי געדענקען ניטאמאל פארוואס זיי שלאגן זיך דא...)

## איינמיטן גרעניצלאזער טפשות, א געצוימטער געדאנקען גאנג.

אויף "דער איד" האט געווידמעט דער טעמע עטליכע פאראגראפן אין איר עדיטאריעל, אין דעם נומער פון פאריגן פרשת קדושים.

דער שרייבער, העכסט ווארשיינליך נישט באהאוונט אין דער גאנצער סוגיא, האט זיך נישט גענומען די מי ארייינצוגיין בעובי הקורה און געניי ערקלערן זיין שטעלונג. אנשטאט, באגענוגט ער זיך מיט אן אויבערפלעכליכן, ביטול'דיגן "מאך מיט דער האנט" איבער דעם גאנצן נושא, און פארטיג.

ער הייבט אן זיינע ווערטער מיט א הודאה, אז "א קהילה קדושה בישראל, אפילו א בארימטע חסיד'ישע קהילה, אנקערט זיך הויפטזעכליך אין שלחן ערוך." משמע, אז ער אנערקענט אין דעם, אז א הלכה פסוקה אין שלחן ערוך איז דער אויסשליסליכער מורה דרך פאר א איד. דאן זעט ער פאר פאסיג אראפצוברענגען א ווארט פון ספר "בעל שם טוב".

אין קורצן ווערט דארט געברענגט, אז די תלמידים פון בעש"ט הק' האבן זיך אמאל מתווכח געווען, וועלכע פון די דריי מצוות, שחיטה, עירובין, און כשר'ע מקוה, זענען אמוויכטיגסטנס פאר א מנהיג הדור אכט צו געבן דערויף. האט זיי דער בעש"ט מגלה געווען, אז אין דער מתיבתא דרקיע האט מען זיך אויך יעצט מתווכח געווען אויף דער זעלבער זאך, מ'האט גע'פסקנט אז אלע זענען גערעכט, און א סימן דערויף געפינט זיך אינעם פסוק, "בזעם תצעד ארץ" - דאס ווארט "זעם" איז די ר"ת פון זביחה, עירובין, מקוה. ביז אהער פון ספר "בעל שם טוב".

וואס זעט מען פון דעם? איין זאך, אז די דריי אויסגערעכנטע זאכן זענען די וויכטיגסטע ענינים מיט וועלכע א מנהיג הדור דארף זיך באפאסן און אכט געבן. קליפ און קלאר.

דער עדיטאריעל דרינגט אבער דערפון אויס א פונקט פארקערטע סברה. אט וויאזוי ער לערנט עס אפ. ווייבאלד מיר זעען די דריי זאכן ווערן אינאיינעם אויסגערעכנט, איז דאך פשט אז זיי פארמאגן א צד השוה. און קענטיג צופרידן פון זיין גאוניש'ן איינפאל, גייט דער שרייבער א שטאפל ווייטער און איז מגלה סוד אין וואס דער צד השוה באשטייט - אין דעם וואס אלע זענען זיי "ציבור'שע זאכן און ס'איז נישט שייך צו פירן מיט זיי אן אייגענע און פריוואטע ווירטשאפט." פון וואנעט איז עס געדרונגען? איז וועלן מיר יעצט אויסזינגען די ראי' מיט א גמרא ניגון. ממשמע שנאמר אז מיט אט די דריי זאכן דארף זיך אפגעבן דער ראש און מנהיג הדור, איז דאך קלאר געדרונגען אז "בכל תפוצות ישראל זענען שחיטה, עירובין און מקוואות געווען א שטאטישע אונטערנעמונג, אונטער די השגחה און אויפ'ן אחריות פון דעם מרא דאתרא און זיין בי"ד."

שטימט?...

דא קומט דער פלפול צום אויספיר, אז דא אין אמעריקע איז נישט פאראן אזא באגריף ווי א מרא דאתרא, און יעדע קהילה זארגט אליין פאר זיך מיט די דערמאנטע זאכן, וועלכע זענען - לפי עניות דעתו פונעם שרייבער - ציבור'שע זאכן. מיט עירובין אבער, וואס איז נוגע דער גאנצער שטאט צוגלייך, וואלט די השגחה געדארפט קומען פונעם שטאטישן רב. היינט אבער, אז אזא זאך עקזיסטירט נישט, איז במילא אסור צו מתקן זיין אן עירוב.

דאס גאנצע פשט'ל איז באמת א שיינער אויפטו, און עס קומט דעם מחבר א קאמפלימענט פאר זיין כוח הדרוש. די צרה איז נאר, וואס ער האט געמאכט דעם חשבון אן דעם בעל הבית. ווייל אויב וואלט דער ענין פון עירובין נישט געווען קיין מצוה, נאר אזא "הכשרה", א מיטל מיט וועלכן מקיים צו זיין א מצוה, וואלט מען געקענט טענה'ן אז היינט זענען אומשטענדן אנדערש און דער מיטל דינט שוין נישט דעם צוועק.

למעשה באשטייט די סוגיא פון עירובין פון בפירושע הלכות פסוקות אין שלחן ערוך, און קיינער - אריינגערעכנט אזא שרעקליכער חריף ווי דער עדיטאריעל-שרייבער פרובירט זיך אפמאלן - קען נישט צולייגן אדער אראפנעמען דערפון. אין שלחן ערוך שטייט נישט קיין תנאי אז די השגחה דארף געגעבן ווערן דווקא דורך א שטאטישן רב, און אזא פרט קען במילא נישט צוגעשטעלט ווערן דורך קיין שום קראפט אויף דער וועלט, אריינגערעכנט דעם כוח פון דריקן מיט א פענע אויף פאפיר.

דאס עצם נעמען א הייליג, חסיד'יש ווארט, און דרייען דערמיט אזוי, אז די מסקנא זאל זיין עפעס וואס איז דירעקט קעגן דעם שלחן ערוך, איז נישט בלויז נאריש, נאר פשוט כפירה.

וואס שייך די פראקטישע פאקטן און ערקלערונגען וועלכע דער שרייבער שטעלט אוועק, גרייכט דער שקר שוין ביז אבסורד. מיר וועלן דא איבערגעבן דאס ווארט פאר דעם שרייבער פונעם עדיטאריעל, און זען וואס ער האט צו זאגן.

"... דאקעגן עירובין, ווי א געמיינזאמער אפאראט פאר אלע איינוואוינער פונעם ישוב, קענען היינט נישט זיין אונטער דעם סארט השגחה וואס די תלמידי הבעש"ט האבן אידענטיפיצירט ווי דבר העיקריי שראש ומנהיג הדור צריך להשגיח עליו. ס'איז פשוט נישט שייך, ווייל די קהילות זענען זה בכה וזה בכה ווי די מציאות ווייזט."

ווייטער שרייבט ער, "דער אפהאלט פון מאכן אן עירוב שטאמט דערפאר פון די פאקטישע אנערקענונג אז קיינער דאמינירט נישט די שטאט און קיינער קען איר נישט צונויפברענגען און צוזאמענהאלטן אין א וועג וואס וועט ערמעגליכן א רעגולערע השגחה פון אן עירוב אינעם הויכן ניווא פון א דבר העיקריי שראש ומנהיג הדור צריך להשגיח עליו."

דער שרייבער פרובירט דא אפמאלן דעם ענין פון תיקון עירוב, ווי דאס וואלט געווען עפעס וואס

איז אדער מצוה, אדער איסור. אויף דעם אויף שטעלט ער אראפ זיין הנחה, אז וויבאלד עס זענען פאראן אזעלכע וואס ווילן נישט טראגן מיט'ן עירוב, איז עס שוין א פראבלעם. דאס איז אבער א טעות. די מציאות פון עירוב מאכט נישט קיין פראבלעם פאר קיינעם, און אויב עמיצער וויל דווקא נישט טראגן דערמיט, קען ער עס טאן געזונטערהייט. די טענה פונעם עדיטאריעל וואלט געווען אמת, ווען די הלכה וואלט מחייב געווען אז ווען ס'איז פאראן אן עירוב "מוז" מען טראגן. במילא וואלט ער געקענט שרייען, אז מען צווינגט אויף אים אויף עפעס קעגן זיין ווילן. למעשה איז די הלכה נישט אזוי, און דער פאקט אז עס איז פאראן אן עירוב איז נאך קיינעם נישט "מחייב" צו טראגן. דערפאר פעלט זיך שוין נישט אויס קיין מרא דאתרא אונטער וועמענ'ס אויטאריטעט יעדער איז אונטערגעווארפן.

בכלל זענען זיינע ווערטער זייער אומקלאר. "קיינער דאמינירט נישט די שטאט און קיינער קען איר נישט צוטיפברענגען און צוזאמענהאלטן אין א וועג וואס וועט ערמעגליכן א רעגולערע השגחה פון אן עירוב אינעם היכן ניווא פון א דבר העיקריי שראש ומנהיג הדור צריך להשגיח עליו". ווער זאגט דאס דען, אז די שטאט דארף "דאמינירט און צוזאמענגעברענגט ווערן"? פון וואספארא "ניווא" השגחה רעדט ער דא? די תלמידי הבעש"ט האבן גערעדט פון דעם אחריות וואס עס ליגט אויף א מנהיג הדור, זיכער צו

# מאי שנא?

אין "דער איד" פון פרשת קדושים, איז געווען באריכטעט וועגן דער "אסיפה כללית" וואס איז אפגעהאלטן געווארן חול המועד פסח אין בית המדרש הגדול דסאטמאר. אין דעם באריכט זעען מיר, אז די אסיפה איז באשטאנען פון צוויי הויפטפונקטן: דער אנהייב – די גרינדונג און הכתרה פון א בית דין, און דער סוף, וואס איז באשטאנען פון א העסליכן קאמפיין קעגן דעם עירוב אין וויליאמסבורג.

פארוואס האט מען דעם בי"ד געגרינדעט? וואס און וועמען דארף עס באצוועקן? פארוואס פעלט עס אויס, אין דער צייט וואס אין וויליאמסבורג – די געגנט וועמען דער בי"ד דארף דינען – עקזיסטירט שוין די "התאחדות הרבנים"?

די אלע קשיות זענען באווארנט געווארן מיט א לאנגער דרשה, וואס האט אין תמצית ערקלערט, אז דער געדאנק פון אן אייגענעם בי"ד איז באמת שוין מערערע אמאל ארויפגעברענגט געווארן ביי "קהל", נאך בחיים חיותו פון מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע, נאר – כלשונם – "לא אסתייע מילתא".

פון דער אנדערער זייט, ווען ס'איז געקומען צו רעדן וועגן דעם עירוב, האט מען געזונגען פונקט א פארקערטן ניגון. דער עירוב איז שארף אנגעגריפן געווארן, מיט א טענה אז וויבאלד דער רבי זי"ע האט עס בחיים חיותו נישט געמאכט, איז עס א קלארער באווייז אז ער איז זיכער געווען דערקעגן.

וויל זיך דאך פארשטיין: אויב דער פאקט אז א זאך וואס ס'איז נישט געשען בחיים חיותו פון רבי'ן זי"ע איז א באווייז אז דעת קדשו איז געווען דערקעגן, דעמאלט פארוואס איז די טענה נישט מאסגעבנד לגבי דעם בי"ד? זיי אליין שרייען דאך, אז דער געדאנק איז שוין אויפגעברענגט געווארן פאר'ן רבי'ן זי"ע. נו, אויב נאכ'ן אויפגעברענגט ווערן איז עס נישט צושטאנד געקומען, איז דאך טייטש אז דעת קדשו האט זיך מתנגד געווען דערצו. איז מאי שנא עירוב?

ממה נפשך, אויב לגבי דעם בי"ד פארשטייען זיי אז דער "שב ואל תעשה" פונעם רבי'ן זי"ע איז נישט קיין ראי' אויף התנגדות, נאר גלאט "לא אסתייע מילתא", איז דאך דאס זעלבע שייך פאר'ן עירוב. פארוואס פארשטייען די זעלבע מענטשן, אז דער רבי האט זיכער נישט געהאלטן דערפון, וויבאלד ס'איז נישט ערלעדיגט געווארן בחיים חיותו? ווידער אויב איז עס יא א באווייז, אז דער רבי איז געווען אומצופרידן דערמיט, דעמאלט ווערט דאך שרעקליך קשה, מאי שנא בי"ד?

די קשיא איז באמת נאך שווערער. "התאחדות הרבנים" האט דאך זיכער מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע אליין געגרינדעט. ער איז אלע יארן געווען דער נשיא, האט אויפגעטרעטן ביי די אסיפות און גע'חתמ'עט אויף די קול קורא'ס. פונדעסטוועגן האט דאס זיי גארנישט געשטערט פון גרונדן א נייעם בי"ד וואס איז זיכער א טויט קלאפ פאר התאחדות הרבנים. אויף צו גרינדן א פרישן בי"ד אין צוגאב צו התאחדות הרבנים, האט זיי נישט אויסגעפעלט קיין הוכחות אז דאס איז נישט קעגן רצון פון רבי'ן זי"ע. ווידער ביים עירוב, וואו עס איז נישט פאראן קיין פאקטישע ראי' פון "קום ועשה" אז דער רבי איז געווען דערקעגן, ווילן זיי איינרעדן דעם ציבור אז ס'איז גאר א "דבר פשוט" אז מען טאר נישט, וויבאלד דער רבי האט עס נישט אליין געגרינדעט.

דיביידע זאכן זענען געזאגט געווארן אין איין נאכט, אונטער איין דאך, ממש בהעלם אחת איינס נאכ'ן אנדערן, אן אפילו שטאלפערן אינמיטן...

מאי שנא? וואס גייט דא פאר? ס'איז דאך "לא רישא סיפא ולא סיפא רישא"? פארוואס פריער יא און א מינוט שפעטער נישט? וכי משוא פנים יש בדבר?...

מאכן אז ראס ווערט געטאן. ס'איז נישט קיין תנאי אין דער מצוה פון עירוב, נאר פארקערט גאר - אן אחריות אויפ'ן מנהיג צו זען מתקן צו זיין עירובין!

אויף זיין פלפולישן גאנג וואלטן מיר אים געפרעגט מיט'ן לשון הגמרא, "מעשה לסתור?!"

און אויב וויל ער יא פארשטיין אין יענעם מאמר, אז עס רעדט זיך פון א תנאי אין עירובין, ראן איז שווער אפילו לשיטתי'. די תלמידי הבעש"ט רעדן פון א "מנהיג הדור", נישט בלויז א מרא ראתרא. אויב אזוי, טאר מען ראך נישט מתקן זיין קיין עירובין, נאר אויב ס'איז פאראן איין-איינציגער מנהיג הדור אויף גאנץ כלל ישראל איבער דער וועלט!

לשיטתי' גייט די קשיא נאך ווייטער. די הויפט טענה קעגן דעם עירוב איז, אז מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע איז געווען דערקעגן, און וויבאלד ער איז געווען מרא ראתרא אין וויליאמסבורג, איז עס א חוצפה צו טאן עפעס נגד דעת קדשו. אבער געוואלד! ווי איז פלוצלונג אפירגעקומען די פאזיציע פון מרא ראתרא ווען ראס איז - כלשונו פונעם שרייבער - "א זאך וואס ניו יארק האט אויפגעגעבן נאך איידער מיר האבן זיך רא באזעצט"?

לאמיתו של דבר ווייסט יעדער, אז די אלע שמועות רחוקות אז מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע איז געווען קעגן תיקון עירובין זענען אומבאגרינדעטע, לופטיגע קלאנגען, אן קיין שום באווייזן. פון דער אנדערער זייט זענען פאראן מערערע ראיות ברורות פון ממשות'דיגע פעולות און פאקטישע מעשים אז דער רבי זי"ע איז דווקא יא געווען דערפאר, אז אין וויליאמסבורג זאל זיין אן עירוב. אבער אויב דער שרייבער פארשטייט, אז דער רבי איז געווען דערקעגן און גיט אן סיבה פארוואס ראס אויסצופאלגן, ווייל דער רבי איז געווען מרא ראתרא, דאן האבן מיר רא פאר זיך א שרעקליכע סתירה!...

# לשון הגאון הקדוש מופת הדור והדרו
# מרן רבי חיים ברלין זצוקללה"ה

בן גאון ישראל וקדושו דשכבה"ג מרן הנצי"ב מוולאזשין זצוק"ל
נכד הגה"ק מאור הגולה מרן רבי חיים מוולאזשין זצוק"ל

בספרו שו"ת נשמת חיים או"ח סימן ל' בגדרי "אינו מודה בעירוב"

**"הרי ודאי שכיחי בעוה"ר גם אנשים משכילים כאלה שאינם מחללים שבת ובלבם מלגלגים על דברי חז"ל בכלל וגם על מצות עירוב בפרט".**

# רחמנא ליצלן
# מחשש ברכה שאינה צריכה

רמב"ם הלכות ברכות פרק א הלכה טו

**כל המברך ברכה שאינה צריכה הרי זה נושא שם שמים לשוא, והרי הוא כנשבע לשוא.**

רמב"ם הלכות שבועות פרק יב הלכה פרק א הלכה טו

**כל המברך ברכה שאינה צריכה הרי זה נושא שם שמים לשוא, והרי הוא כנשבע לשוא.**

מסכת שבועות דף לט עמוד א

**כל העולם כולו נזדעזע בשעה שאמר הקב"ה לא תשא את שם ה' אלקיך לשוא. וכל עבירות שבתורה נאמר בהן ונקה, וכאן נאמר לא ינקה. כל עבירות שבתורה נפרעין ממנו, וכאן ממנו וממשפחתו וכו'. וכל עבירות שבתורה נפרעין ממנו, וכאן ממנו ומכל העולם כולו כו', וכל עבירות שבתורה אם יש לו זכות תולין לו שנים ושלשה דורות, וכאן נפרעין ממנו לאלתר וכו'.**

# ווילדע ראיאטן אין וויליאמסבורגער גאסן צייכענען אפ נייעם פרעצעדענט

פאַרזעצונג פון זייט 1

פון זיין מורה הוראה, צו טראגן מיט'ן מהודר'דיגן עירוב וואס איז איינגעשטעלט געווארן אין שטאט. פרויען און מיידלעך זענען באפאלן געווארן מיט ווילדע געשרייען, ווי "מחללי' מות יומת", דורך די בחורים און יונגעלייט וועלכע זענען זיי נאכגעלאפן מיט קולות ביז צו דער טיר פון שטוב. מיטליעריגע און עלטערע אידן זענען באפאלן געווארן מיט געמיינע זלזולים, וועלכע זענען געקומען באגלייט מיט אוועקנעמען די טליתים, ביז פיזישע קלעפ. (איין יונג בחור'ל, וועלכער איז אריינגעפאלן אין אזא מאסע צעיושעטע יוגנטליכע איינער אליין, איז צעמזיק'ט געווארן מיט ממש מכות רצח.)

פארשטארקטע פאליציי'אישע כוחות וועלכע זענען אלארמירט געווארן דורך זייערע קאלעגן, האבן פרובירט איינהאלטן און קאנטראלירן די מאסן, אבער אן ערפאלג. די פאליציאנטן האבן דאן גענומען אלעמען ווארענען זיך צו צעשפרייטן און אהיימגיין, ווייל אנדערש וועלן זיי אנהייבן ארעסטירן מענטשן.

ס'איז דא וויכטיג צו באמערקן, אז באמת איז דאס רוב פונעם עולם - וואס אין מערסטנטייל באשטאנען פון נייגעריגע צוקוקערס - געשטאנען רואיג און איינגעהאלטן אויף די ערטער. די ווילדע יונגען וועלכע האבן יעדע צוויי מינוט אויפגעהויבן א פרישן טומל מיט צעמישטע קולות, האבן געגעבן דעם איינדרוק ווי אלע טויזנטער פארזאמעלטע נעמען אנטייל אין די פאררופענע ראיאטן, און דערמיט פאראורזאכט דעם שרעקליכן חילול שבת און חילול השם.

ליידער האבן די ווילדע געשרייען און שלעגערייען געברענגט דערצו, אז א צאל אידן - אריינגערעכנט עטליכע גענצליך אומשולדיגע צושויער - זענען ארעסטירט געווארן און נעבעך נכשל געווארן אין חילול שבת. ס'איז כדאי צו באמערקן, אז אויך נאכדעם וואס די צעהיצטע יוגנטליכע האבן געזען אז די פאליציי האט אנגעהויבן מיט ארעסטן, האבן זיי נישט אויפגעהערט ווילדעווען - וואס האט, ווי פארשטענדליך, געברענגט פרישע ארעסטן.

די דאזיגע ראיאטן האבן אפגעצייכנט א טרויעריגן קאפיטל אין דער היסטאריע פון יהדות החרדית. ס'איז געווען דאס ערשטע מאל אין אידישער היסטאריע, וואס פרומע אידן האבן פאררופן א דעמאנסטראציע קעגן ערליכע רבנים וגדולי הפוסקים. אלע פראטעסטן פון דער פארגאנגענהייט, זענען געקומען מיט'ן ציל אפצושרייען געוויסע גזירות קעגן דער תורה. דאהי אין אמעריקע זענען די דעמאנסטראציעס בדרך כלל פאררופן געווארן קעגן דער ציוניסטישער ממשלה אין ארץ ישראל - אין רוב פעלער זיי צו באווירקן אפצורופן א גזירה קעגן דת, אדער ארויסצודריקן דעם אידישן ווי-געשריי קעגן רדיפות אויף שומרי הדת.

קיינמאל פריער האבן חרדי'שע אידן דעמאנסטרירט קעגן אנדערע פרומע אידן, בלויז צוליב'ן חטא פון ארויספאלגן א הוראה פון אנערקענטע ערליכע פוסקים, דיינים און רבנים פון פריערדיגן דור. דאס קען דאך אויף קיין פאל נישט ארויסגעטייטשט ווערן אנדערש, ווי אן אומפארשעמטער, חוצפה'דיגער פראטעסט קעגן ערליכע זקני רבני דורינו און א ווילדע דעמאנסטראציע קעגן דעת תורה.

אזא חילול שם שמים איז קיינמאל פריער נישט פארגעקומען - נישט אין אמעריקע און אויך נישט אין די פריערדיגע תקופות.

ס'איז ביטער און טרויעריג ביז גאר, אז דאס האט געקענט געשען, און דערצו נאך אין אזא חסידישע געגנט ווי וויליאמסבורג. ביי ערליכע אידן וועלכע האבן צוגעזען אדער נאכגעהערט די שמועות פון די ראיאטן און נאכפאלגן, איז פארקלעמט געווארן דאס הארץ. זיי האבן ביי זיך געשפירט, אז ליידער האט דער שטן אין א געוויסן זין גובר געווען די סטרא דקדושה, און אויך אזא הייליגע שטאט ווי וויליאמסבורג, מקום מגורי קדשו פון מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע, איז געפאלן א קרבן צו מחרחרי ריב און בעלי מחלוקה.

## שינער באזוך פון הגאון האדיר גאב"ד קארלסבורג שליט"א ביי הגאון הגדול מזקני רבני דורינו אבדס"ק אודווארי שליט"א

פאַרזעצונג פון זייט 1

צענדליגער יארן. רבנים, דיינים און מורי הוראה האבן ארויסגעדריקט דערשיטערונג אויף דעם פאקט, אז פשוט'ע מענטשן זאלן טעראריזירן א רב פאר'ן פסק'ענען א הלכה.

עס איז געווען אן ערהאבן בילד צו זען, ווי די גאונים און גדולים שליט"א פארברענגען אין דברי תורה און מיט ארויסשמועסן פארשידענע ענינים העומדים על הפרק.

דער אודווארי רב שליט"א, וועמען רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט ממנה געווען אלס מורה הוראה אין "התאחדות הרבנים", איז א בארימטע פערזענליכקייט אין עולם התורה וההוראה שוין יארן. אלס אנערקענטער מורה הוראה מובהק נאך פון פאר'ן קריג, ווענדט מען זיך צו אים מיט די שווערסטע שאלות און קאמפליצירסטע הלכה'דיגע ענינים. אזוי אויך דער האליינער רב שליט"א און קארלסבורגער רב שליט"א זענען אנערקענטע פוסקים, וועמען מען פרעגט אן את דבר ה' זו הלכה פון איבער דער גאנצער וועלט.

דער קארלסבורגער רב שליט"א, וועמען רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט אליין ממנה געווען אין די געזונטע יארן אלס דיין, האט שוין מערערע מאל קלאר ארויסגעברענגט זיין מיינונג, אז רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז ח"ו קיינמאל נישט געווען קעגן מתקן זיין אן עירוב אין שטאט. די איינציגע פעלער ביי וועלכע דער רבי האט ארויסגעזאגט א מיינונג דערקעגן, איז געווען ווען עס האט זיך געהאנדלט אין מאכן אן עירוב מיט דער הילף פון פארשידענע בדיעבד'יגע קלות.

דער באזוך איז געווען א הערליכער כינוס צדיקים, און האט געדינט פאר די אנוועזנדע ווי א זעלטענע געלעגנהייט צו באווייכערן זיך די ידיעות אין פארשידענע עניני יהדות.

## ויסלף דברי צדיקים

פאַרזעצונג פון זייט 3

געפירט פון א גרופע אנשים פשוטים, און די סיבה אונטער דעם איז איין זאך: "איך וויל דא זיין בעל הבית, און וויבאלד איך האב דעם עירוב נישט געמאכט, זאל עס אונטערגיין!"

זיי ווילן דא שאפן אן איינדרוק, ווי דא עקזיסטירט א מחלוקה אין דער מיינונג פון מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע, שני תנאי אליבא דרבי. דאס איז אבער א באוויזענער שקר. אויב זענען דא פאראן צוויי צדדים, איז עס נאר די סטרא דקדושא קעגן דער סטרא אחרא.